עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## קונטרס ב'

"ההכנה לפורים"

# תוכן השיחה

ווי גרייט מען זיך?

רעד צום אויבערשטן!

דאס האסטו שוין פארזוכט?

עמלק'ס עצה...

מען דארף האבן 'הכנה'!

עס פעלט דער 'ישוב'...

דערצייל דיינע 'בלבולים' פארן אויבערשטן!

פארוואס ביסטו מבולבל?

א 'סגולה' פון 40 טעג?!

אזוי דארף מען מאכן התבודדות...

הער די מגילה בתמימות!

נייץ דיין שכל!

די פשוט'ע חיות...

פארמאך נישט דיין מויל!

פורים – א שטיק תפילה!

די הכנה וואס דער רבי לערנט אונז

נישטא קיין שום אנדער עצה!

יעדע רגע פון פורים...

פורים איז נאר א התחלה!

הערות והארות ניתן לפנות לטל' 0534159773

© כל הזכויות שמורות

כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 1< 6491

ניתן להאזין לשיעור בטל' 0723323796 2< 7<4

חלק מהוצאות עריכת הקונטרס נתנדב

לע"נ

מרת חנה רבקה בתיה לאה בת ר' יהודה ע"ה

ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י המשפחה

הוצאות הדפסת הקונטרס נתנדב

לע"נ

הר"ר טוביה אביגדר ב"ר אברהם צבי ז"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י

בנו ר' אהרן משה אריה לייפער שליט"א

# ההכנה הראויה לפורים

חבורת הבחורים ד' ויקרא תשפ"ד

## ווי גרייט מען זיך?

עס קומט יעצט א פורים אויף דער וועלט. א ברסלב'ער חסיד גרייט זיך צו צו יעדע זאך, צו יעדער דבר שבקדושה[א].

[שואל: ווי גרייט מען זיך צו[ב], מיט וואס?] צו דעם זאג איך דיר, איך ווייס גארנישט - איך פרעג דיר אויך צוריק א שאלה: 'ווי גרייט מען זאך צו, צו א דבר שבקדושה?'

- וואס איז דער פראבלעם צו זאך צוגרייטן, האסט היינט געהערט דעם ערשטן מאל א ס'גייט קומען דער פורים אויף דער וועלט?!

וואס איז די שאלה, וואס הייסט ווי גרייט מען זאך צו. ווי גרייט מען זאך צו? א ברסלב'ער חסיד אזויפיל יארן ווייסט נישט ווי מען גרייט זיך צו אויף פורים?!

---

**א.** ראה ספר המידות ערך 'תפילה' אות כ"ג: **לְכָל דָּבָר שֶׁבִּקְדֻשָּׁה צָרִיךְ הֲכָנָה וְהַזְמָנָה**. (וראה גם בליקו"ה ברכת המזון ג,ו)

**ב.** הנוכחים בחבורה שוחחו ובירו מהו הדרך הנכונה להתכונן בהכנה דרבה לקראת ימי הפורים, ועל זה נסובה כל השיחה דלהלן.

[שואל: וואס טוט מען אז מען ווייסט נישט?] דאס איז א צווייטע שאלה; וואס טוט א ברסלב'ער חסיד אז ער ווייסט נישט וואס צו טאן. וואס טוט ער? ער רעדט צום אויבערשטן!

מען עפנט אויף די הארץ און מען רעדט צום אויבערשטן; "רבונו של עולם אט גייט פורים, איך ווייס נישט וואס פורים איז. איך בין זייער ווייט פון דיר - איך ווייס אז אלע ערליכע אידן ווארטן אויף פורים. איך ווייס אז איך בין פול מיט צרות, און איך ווייס אז דער ענין פון 'עמלק' שטייט דאך אין רבינ'ס ספרים פול פול... עמלק נעמט מיר ארום פון אלע זייטן, איך בין אין א גרויסע צרה, און דער פורים - איז דער טאג פון מיין ישועה!"

- און אזוי אלע קושיות וואס איך האב, אלעס לייג איך אריין אין די דיבורים.

## רעד צום אויבערשטן!

נאר דאס איז די הכנה! קענסט לערנען ליקוטי הלכות פון אינדערפרי ביז ביינאכט, און עס וועט נישט זיין א הכנה אזוי ווי דו וועסט רעדן צום אויבערשטן[ג]!

וועסט זיך אויסבעטן ביים אויבערשטן: 'רבש"ע וואס וועט זיין מיט מיר? **ווי איז מען זוכה דעם פורים צו געהאלפן ווערן'...**

דאס איז דער עיקר הכנה - רעדן צום אויבערשטן[ד].

זיך אויסרעדן די הארץ פארן אויבערשטן; **רבוש"ע, איך האב א עמלק!** מיין עמלק, איך דארף נישט קיין ראיה אז ער איז עמלק. איך קען עמלק, איך קען גוט עמלק'ן, ער פייניגט מיר טאג און נאכט.

---

**ג.** ראה שיש"ק החדש חלק ג' ק"א

**ד.** ראה עלים לתרופה רנ"א וזל"ש: **שַׁבָּת וְיוֹם טוֹב צְרִיכִין הֲכָנָה** [..] **אֲבָל הָעִקָּר לְהָכִין עַצְמוֹ בְּלִבָּבוֹ וְנַפְשׁוֹ לַחֲשֹׁב מַחֲשָׁבוֹת אֵיךְ זוֹכִין לְהַמְשִׁיךְ עַל עַצְמוֹ קְדֻשַּׁת שַׁבַּת קֹדֶשׁ עַל כָּל פָּנִים עַתָּה וּלְבַקֵּשׁ הַרְבֵּה מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל זֶה.**

טאטע ראטעווע מיר! וואס וועט זיין מיט מיר, עמלק עסט מיר אויף. ער עסט מיר אויף פון קאפ ביז פיס. ער רייסט פון מיר שטיקער; בייסט אראפ פון מיר איברים, בייסט אראפ פון מיר ביינער - ער בייסט מיר פון אלע זייטן... טאטע ראטעווע מיר, ראטעווע מיר---

- דאס איז די בעסטע עצה פון אלע עצות!

דער רבי האט אונז געזאגט[ה], אז די עצה פון **'התבודדות'** איז די בעסטע עצה פון אלע עצות שבעולם.

נישט נאר אויף פורים, אויך אויף פסח און אלע אנדערע הייליגע זמנים.

## דאס האסטו שוין פארזוכט?

ווען מען האט ארויסגעטריבן רבי נתן פון שטאט ברסלב[ו] איז ער געווען אין נעמירוב – מען האט אים פארטריבן אויף נעמירוב, איז ער געקומען דארט און נישט געהאט קיין דירה[ז].

ווער עס ווייסט, ס'קומט אין אוקריינע נאך 'ראש השנה' - הויבט זיך שוין ממש אן דער ווינטער דארט. די אלע וואס וואוינען אין 'אומן' ווייסן אז ס'איז גאר שווער צו מקיים זיין דארט מצוות סוכה.

האט מען געדארפט צוגרייטן פאר רבי נתן'ען א סוכה - רבי נתן איז געווען א נישט געזונטער מענטש[ח] - איז **רבי נחמן טולטשינער** וואס איז

**ה.** ראה ליקוטי מוהר"ן תנינא כה, קיא

**ו.** בר"ח אלול תקצ"ה גירשו את מוהרנ"ת בעלילות המתנגדים מביתו בברסלב לנעמירוב עד אחר יוה"כ תקצ"ט. ראה בהקדמות המעתיק בעל"ת מכתב קס"א ומכתב קצ"ד ובאריכות בימי התלאות כט - לג.

**ז.** ראה על"ת מכתב ר"ג י"א תשרי תקצ"ו נעמירוב, וזל"ש: כָּעֵת אֲנִי שׁוֹלֵחַ אַחֲרֵי זוּגָתִי שֶׁתָּבוֹא לְפֹה עִם בָּנֵי הַקְּטַנִּים שֶׁיִּחְיוּ, **וּמֵאֵלֶיךָ תָּבִין שֶׁאֵין לִי דִירָה כָּרָאוּי**, אַךְ הֻכְרַחְתִּי לִשְׁלֹחַ אַחֲרֵיהֶם, **כִּי אֵין לִי פֹּה מָקוֹם לֶאֱכֹל בְּסֻכּוֹת**; כִּי אִי אֶפְשָׁר לִי לֶאֱכֹל אֵצֶל אָחִי בְּסֻכָּה, כִּי יוֹשֵׁב בִּשְׁכֵנוּת, וְאִי אֶפְשָׁר לְבָאֵר הַכֹּל.

**ח.** ראה על"ת מכתב רז בהוספת המעתיק ובימי התלאות אות ו

מיטגעקומען מיט רבי נתנ'ען, האט געהארעוועט א גאנצן ערב סוכות צו צוגרייטן א שטארקע סוכה מיט פארמאכטע ווענט, א גאנצן טאג האט ער געהארעוועט אויף די סוכה. וואס רבי נחמן טולטשינער האט זוכה געווען - באדינט רבי נתן.

יום טוב ביינאכט איז ער געזעצן אין די סוכה ביי רבי נתן'ען - האט ער געזאגט 'איצטער שפירט מען א טעם אין סוכה!' אזוי האט ער געזאגט - נישט ער האט געזאגט ווי איז מען זוכה - ער שפירט שוין [יעצט] א 'טעם אין סוכה'!

רבי נחמן טולטשינער זיצט ביי רבי נתן'ס טיש און ער זאגט פאר רבי נתנ'ען 'איצטער קען מען שפירן א טעם פון סוכה!' – ער שפירט א טעם פון סוכה, ער שפירט.

זיצט א איד און זאגט ער שפירט א 'טעם סוכה' - זאגט אים רבי נתן[ט]: **"אבער דאס האסטו נאכנישט פראבירט - דאס אז א גאנצן ערב סוכות זאל מען שרייען צום אויבערשטן 'הטעימני טעם סוכה', וואס א טעם סוכה שפירט מען דעמאלס - דאס האסטו נאכנישט פראבירט!"**

און דאס איז א איד וואס האט שוין געשפירט א טעם פון סוכה, ער האט באמת געהארעוועט, - נישט פאר זיין סוכה, פאר רבי נתן'ס סוכה; משמש געווען דעם צדיק, געהארעוועט פאר רבי נתן'ס סוכה, זיך מטריח געווען..

אנשטאט צו זיין ביי זיך אין שטוב, האט ער אפגעלאזט זיין שטוב און קומט געהארעוועט ערב סוכות ביי רבי נתן, באדינען רבי נתן, בויען א סוכה

---

**ט.** ראה אבניה ברזל שיחות ממוהרנ"ת אות יב: פַּעַם אַחַת הָיָה הָר' נַחְמָן מִטּוּלְטְשִׁין מְיַגֵּעַ אֶת עַצְמוֹ כָּל הַיּוֹם בַּעֲשִׂיַּת הַסֻּכָּה שֶׁל מוֹהֲרַנַ"ת זְצוּקַ"ל, שֶׁהָיָה דַּרְכּוֹ לֶאֱכֹל אֵצֶל מוֹהֲרַנַ"ת. וּבְעֵת אֲכִילָה אָמַר הָרבי נַחְמָן לְמוֹהֲרַנַ"ת שֶׁאִם מְיַגְּעִין אֶת עַצְמוֹ כָּל הַיּוֹם בַּעֲשִׂיַּת הַסֻּכָּה אֲזַי טוֹעֲמִין טַעַם אַחֵר בְּהַסֻּכָּה. וְאָמַר לוֹ מוֹהֲרַנַ"ת זְצוּקַ"ל **זֹאת לֹא טָעַמְתָּ עֲדַיִן לִצְעֹק כָּל הַיּוֹם רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הַטְעִימֵנוּ נָא טַעַם סֻכָּה, אֵיזֶה טַעַם שֶׁטּוֹעֲמִין אַחַר כָּךְ בְּ"הַסֻּכָּה"**. וראה גם שיש"ק החדש ב' ת':

פאר רבי נתן - און ער האט טאקע זוכה געווען דורכדעם צו שפירן א טעם פון סוכה!

אבער זאגט אים רבי נתן, ס'דא נאך א בעסערע עצה פאר דעם! - 'אבער שרייען צום אויבערשטן א גאנצן טאג הטעימיני טעם סוכה, דאס האסטו נאכנישט פראבירט' - דאס האסטו נאכנישט טועם געווען.

ווייל דאס איז התבודדות – **"מעלה עליונה וגדולה מן הכל!"**[י]---

## עמלק'ס עצה...

דער רעדן צום אויבערשטן איז די גרעסטע זאך! די גרעסטע עצה פון אלע עצות[יא] - די גרעסטע עצה!

אבער דער 'בעל דבר' ווייסט אויך פון דעם, בפרט דער 'ברסלבער בעל דבר'! - דער בעל דבר וואס איז 'מיוחד' - וואס פארעט זיך עקסטער מיט די ברסלבער...

ער לייגט אלע כוחות צו פארטומלען מענטשן[יב], זיי מייאש זיין, מחמיץ זיין און מחליש דעת זיין פון די עצה [פון התבודדות].

בפרט די זאך פון 'פורים'. דו ווייסט טאקע נישט ווי גוט דו האסט געפרעגט די שאלה [לעיל בתחילת השיעור] **'ווי מאכט מען א הכנה פאר פורים?'**

---

**י.** ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה כה

**יא.** ראה ליקוטי מוהר"ן תנינא קא

**יב.** ראה ליקוטי הלכות עבודה זרה ג,יח וזל"ש: **וְעִקַּר הִתְגָּרוּתוֹ הוּא עַל הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁר שֶׁהוֹרוּ לָנוּ הַצַּדִּיקִים הַשְּׁלֵמִים** הַגְּדוֹלִים בְּמַעֲלָה בְּיוֹתֵר שֶׁהֵם כְּלוּלִים מִכָּל הַמַּדְרֵגוֹת שֶׁבַּקְּדֻשָּׁה, וְהוּא מִתְלַבֵּשׁ עַצְמוֹ בִּבְנֵי אָדָם דַּיְקָא, לַחֲלֹק עַל צַדִּיקִים גְּדוֹלִים כָּאֵלּוּ וְעַל הַדְּרָכִים יְשָׁרִים וּנְכוֹנִים שֶׁגִּלּוּ בָּעוֹלָם וּמְהַפֵּךְ הָאֱמֶת **וּמִתְגַּבֵּר עַל-יְדֵי-זֶה עַל הָאָדָם הַקָּטָן בְּמַעֲלָה בִּסְבָרוֹת וְקֻשְׁיוֹת וּבִלְבּוּלִים** הַנִּמְשָׁכִין מִמַּדְרֵגוֹת הַגְּבוֹהוֹת מִמֶּנּוּ, שֶׁעַל-יְדֵי-זֶה קָשֶׁה לַעֲמֹד כְּנֶגְדּוֹ אִם לֹא בְּכֹחַ הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה שֶׁהוּא בְּחִינַת מָרְדְּכַי.

ווייל פורים טאקע איז איינע פון די גרעסטע טעג וואס 'ברסלב'ער חסידים' וואס ווייסן וואס פורים איז – האבן אזעלכע בלבולים מיט אזעלכע חלישות הדעת ארום דעם טאג.

נישטא נאך אזא טאג וואס דער 'בעל דבר' ארבעט אזוי שטארק - טאקע דער פארשאלטענער עמלק - ער ווייסט אז פורים איז 'בא יומו', ער ווייסט אז ס'איז זיין טאג...

**"אין גיבור כמתייאשיג"** - וואס מאכט ער: בלבול הדעת, בלבול הדעת! - דאס איז זיין גאנצע ארבעט.

און די עצה אויף צוריק, דאס איז די **"ישוב הדעת!"**

ישוב הדעת; רעדן צום אויבערשטן, רעדן צום אייבערשטן, רעדן רעדן..

דאס איז דאך די גאנצע זאך פון התבודדות - א מענטש זאל קומען מיט זיין גאנצע בלבול הדעת, און פון דעם זאל ער מאכן דיבורים פארן אויבערשטן.

אויסרעדן פארן אויבערשטן זיין גאנצן בלבול הדעת, פארציילן פארן אויבערשטן זיין גאנצע בלבול הדעת - זיינע יסורים, וואס ער איז אזוי מבולבל, אזוי טרוד, אזוי חסר דעה...

- דאס אלעס אויסרעדן צום אויבערשטן!

אזוי בויעט ער אויס זיין פורים! ער בויעט אויס זיין פורים---

## מען דארף האבן 'הכנה'!

דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב, וואס דער רבי האט געהאלטן פון אים מער פון אלע צדיקים - ער האט מורא'דיג געהאלטן פון בארדיטשובער רב[יד].

**יג.** ראה ליקו"ה תפילין ה,כט

**יד.** ראה חיי מוהר"ן תקנ"ג ע"ר, ובשיחות הר"ן קצו

דער רבי האט געזאגט[טו] אמאל פאר רבי נתן: **"דאס ווייסטו נישט, אז ווען דער בארדיטשובער רב זאגט 'דער בורא', שפריצט אים פייער פון די אויגן!"** - ממש געזען גדלות הבורא. ביי (ברכת) 'יוצר האט ער געשריגן נעמען פון מלאכים[טז]---

איין יאר האט דער רבי געזאגט: **"די יאר וועט ער נישט זאגן!"** - ווייל אויף דעם וואס ער האט זיך נישט אנגענומען פארן רבי'ן האט מען אים לפי מדרגתו מעניש געווען א יאר צייט, מען האט אים מסלק געווען די מוחין. האט דער רבי געזאגט: "איר וועט זען אז ער וועט נישט זאגן יעצט, ווייל ער איז א אמת'ער מענטש - אויב ער זעט נישט קיין מלאכים וועט ער נישט דערמאנען קיין מלאכים".

ער האט געהאט אזעלכע מוחין. דער רבי האט געזאגט אויף אים[יז] אז ער איז **"א רבי פון עולמות!"** – א רבי פון עולמות, דער הייליגער בארדיטשובער רב---

אז ס'איז געקומען חנוכה האט דער בארדיטשובער רב געהאט אזא ברען, אז ער פלעגט אן גיסן די שמן האט זיך איבערגעגאסן. ער האט זאך נישט געקענט מצמצם זיין צו גיסן די שמן פונקטליך; ער האט אנגעהויבן גיסן מיט אזא ברען אז ס'האט זיך געגאסן איבער די גלעזלאך - האט דער רבי געזאגט[יח] אז (לפי דרגתו) פעלט אים הכנה---

פארוואס איז עס אזוי? ער זעט טאקע מלאכים, ער איז א שר אויף עולמות - אבער ס'פעלט אים הכנה. ווען ער מאכט א הכנה...

---

**טו.** ראה חיי מוהר"ן תקצ"ט

**טז.** שיש"ק החדש א' תקע"ג

**יז.** ראה שיש"ק החדש א' תקל"ט: רַבֵּנוּ זַ"ל אָמַר: הַבַּעַל שֵׁם טוֹב זַצַ"ל הָיָה שַׂר עַל אֲלָפִים עוֹלָמוֹת, הָרַב רַבִּי לֵוִי יִצְחָק מִבַּארְדִיטְשׁוֹב זַצַ"ל עַל עוֹלָמוֹת.:

**יח.** שיש"ק החדש ג' תק"ז

דער רבי האט געקענט זיין א רבי פאר צדיקים[יט] - אז ווי גרויס ער איז, האט אים דער רבי געקענט זאגן 'אבער', 'כך וכך'..

וואס זאגט עס פאר אונז - **אז מען דארף האבן הכנה!**

און וואס איז דער הכנה? דער יישוב הדעת.

## עס פעלט דער 'ישוב'...

נישט אז עס פעלט אים נאך 'א שטיקל ליקוטי הלכות', עס פעלט נישט פאר א בחור א שטיקל ליקוטי הלכות - עס פעלט אים 'יישוב הדעת'!

אז ער גיסט - גיסט ער איבער די שמן. פון רוב ריבוי השמן ווערט כיבוי הנר[כ], נישט נאר דער נר פון די מנורה - נאר זיין אייגענע נר!

פון רוב ידיעה וואס ער ווייסט אויף פורים, גיסט זיך אים איבער. ס'גיסט זיך איבער זיין גאנצע "נר ה' נשמת אדם", עס ווערט פארלאשן! - זיין גאנצע מח ווערט פארלאשן.

וואס פעלט אים? ער דארף הכנה!

און וואס איז די הכנה? די יישוב הדעת.

'כ'האב געלערנט אזוי, כ'האב געלערנט אזוי' - אין ליקוטי הלכות דא שטייט אזוי אויף עמלק, דא שטייט וויפל נעמען האט דער עמלק, און דארט און דארט שטייט גאר אזוי; אפילו וויפל מאל ווייסט ער שוין... איז וואס? - ווייסט ער שוין גארנישט!

פון רוב וואס ער ווייסט - ווייסט ער שוין גארנישט. וואס פעלט אים - 'ליקוטי הלכות' פעלט אים?! עס פעלט אים יישוב הדעת!!

---

**יט.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה ז תנינא ובחיי"מ קמ"ח, ר"נ

**כ.** ראה ליקו"ה ראש חודש ה,לו ובהלכות תולעים ד,ב

## דערצייל דיינע 'בלבולים' פארן אויבערשטן!

וואס הייסט יישוב הדעת - זיצן און טראכטן?!

דער רבי האט נישט געגעבן אזעלכע עצות פון זיצן און טראכטן - דער רבי האט געהייסן; זיץ און רעד צום אויבערשטן!

האסט א בלבול המח? דערצייל דיין בלבול המח דעם אויבערשטן!

דערצייל דעם אויבערשטן וואס טוט זיך מיט דיר - רעד צום אויבערשטן, רעד צום אויבערשטן!

אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט פאר רבי נחמן טולטשינער "זיץ א גאנצן ערב יו"ט און שריי הטעימני טעם סוכה!"

'רבש"ע אט גייט א פורים! גיב מיר א טעם אין פורים, גיב מיר א יישוב הדעת, גיב מיר א חן, גיב מיר עפעס א תפיסה אין פורים - איך זאל האבן א אחיזה אין פורים'---

דעמאלס וועסטו זען אז דו ווייסט אליין ווער ס'איז עמלק! נאר ביזט אזוי מבולבל - אז דו ווייסט נישט וואס דו ווייסט..

דאס איז דער עיקר וואס פעלט אונז. דער רבי זאגט[כא] **"מה שהעולם רחוקין מהשי"ת ווייל ס'פעלט יישוב הדעת!"** - מ'ווייסט נישט וואס טוט זיך מיט זיך - א מענטש האט אזויפיל ידיעות אז פון רוב ידיעות ווייסט ער שוין נישט וואס טוט זיך מיט זיך.

## פארוואס ביסטו מבובל?

[שואל: עס פעלט נישט ידיעות? מען דארף נישט לערנען?!] מען דארף לערנען! אבער מער ווי ס'פעלט ידיעות, פעלט יישוב הדעת.

---

**כא.** ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה י'

**עס פעלט דער 'ישוב' פון די אלע ידיעות!**

רוב זאכן וואס מען לערנט, גייט נישט אריין אין קאפ פון רוב ווייל ער האט געלערנט נאך עפעס..

ער האט געלערנט איין זאך און נישט פארשטאנען, האט ער געלערנט נאך עפעס - פארשטייט ער שוין צוויי זאכן נישט. לערנט ער א דריטע זאך - פארשטייט ער שוין נאכמער נישט; וואס מער ער לערנט איז ער מער מבולבל.

רבי נתן האט אמאל געזאגט[כב] אז דער עיקר עצה זאל נישט זיין **"חכמתו מרובה ממעשיו"** - אז מען זאל עס אריינטאן אין תפלה!

אז מען לייגט אריין די 'חכמה' אין 'תפלה', ס'גייט אריין אין דיבורים צום אויבערשטן - ווערט עס "מעשיו מרובין מחכמתו". וואס מער מ'לייגט עס אריין אין התבודדות, אז נישט איז חכמתו מרובה ממעשיו ח"ו - איז ער מבולבל, איז ער זייער מבולבל...

## א 'סגולה' פון 40 טעג?!

[שואל: ס'שטייט דאך[כג] אז מ'שרייט 40 טעג 'הצילני' זעט מען מרדכי ביי די מגילה. איז בשעת די מגילה דארף מען עפעס מאכן?] וואס הייסט? **מען דארף פשוט הערן די מגילה!**

[ש. וואס דארף מען טאן נאך?] וואס דארף מען טאן מער ווי הערן מגילה?! מען דארף עס הערן ערנסט? - אוודאי דארף מען זיך איינהערן די מגילה; אז ער קוקט אויף די שילדן פון **'למען אחי'** אינמיטן די מגילה וועט ער זען אנדערע זאכן...

**כב.** ראה כוכבי אור שיחות וסיפורים א

**כג.** ראה שיש"ק החדש ג' תק"י **מוֹהֲרַנַ"ת** אָמַר: **"אַז מֶען בֶּעט דְרַייסִיג טֶעג 'הַצִּילֵנִי מִקְּלִפַּת הָמָן עֲמָלֵק', קֶען מֶען זֶעהְן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַמְּגִלָּה"** - "אִם מְבַקְשִׁים וּמִתְפַּלְלִים שְׁלֹשִׁים יוֹם קֹדֶם פּוּרִים 'הַצִּילֵנִי מִקְּלִפַּת הָמָן עֲמָלֵק', אֶפְשָׁר לִזְכּוֹת לִרְאוֹת אֶת מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק בִּשְׁעַת קְרִיאַת הַמְּגִלָּה" (גם רווח אצל אנ"ש גירסא של 'ארבעים יום')

[שואל: אויב מען האט פארגעסן צו שרייען איין טאג 'הצילני'?] און אויב האט מען פארגעסן מער ווי איין טאג - **שרייט מען וויפל ס'איז געבליבן.**

וואס הייסט, ס'דא אזא שאלה? האלטס באמת אז ס'איז דא אזא שאלה...

[שואל: עס איז דאך א סגולה פון 40?] דאס איז פארקערט פון 'ברסלב'! - ברסלב איז א זאך פון סגולות, פון זאגן 40 טעג - דאס איז ברסלב?!!

דאס האט רבי נתן געוואלט - א סגולה פון 40 טעג, דאס האט רבי נתן געמיינט?!

אוודאי דארף מען זיך משתדל זיין [שרייען] 40 טעג - אבער דאס איז דער נושא? און אז מען האט פארגעסן 40 טעג - דארף מען שויןווארטן ביז איבער א יאר פורים?!

דאס שרייט דאך געוואלד; **אוואו די יישוב הדעת?** - א ברסלב'ער האט נישט אזעלכע בלבולים! וואס מער ער לעבט מיט התבודדות, האט ער נישט אזעלכע בלבולים. נישטא אזעלכע בלבולים - נארישע בלבולים...

[שואל: אויך אויב מ'דאוונט איין מאל הצילני קען מען זוכה זיין?] איך ווייס נישט! שטעל זיך פאר אז איך וואלט נישט געוויסט פון די שיחה - וואלט איך געעפנט א 'ליקוטי הלכות' הלכות תפילין הלכה ו' און דארטן זאגט רבי נתן[כד] אז מען זעט מרדכי ביי די מגילה אויך אן 40 טעג - דארטן ווערט בכלל נישט דערמאנט די זאך פון שרייען 'הצילני מקליפת המן ועמלק!'

נו, איז צו די שיחה האסטו נישט זוכה געווען, אבער אין ליקו"ה שטייט אז מען זעט מרדכע'ן ביי די מגילה - אזוי שטייט דארטן...

---

**כד.** וז"ל שם באות כז: **וזה בחינת מקרא מגילה שהוא בחינת הארת פני מרדכי ואסתר.** כי הם דברי אמת שלהם כמו שכתוב (מגילת אסתר ט') דברי שלום ואמת כי כשקורין את המגילה ומפרסמין תוקף הנס שנעשה על ידי מרדכי ואסתר על ידי מעשיהם והנהגותיהם שנהגו אז בחכמה נפלאה ובצדקות נורא ובקדושה גדולה **בזה מראין ומאירין אור פניהם הקדושים שהוא גנוז בתוך המגילה הקדושה שהוא ספר שלהם הקדוש על כן על ידי זה מאיר עלינו הארת פניהם הקדושים.**

[שואל: וואס דארף מען יא טאן?] מען דארף הערן די מגילה! - דארטן שטייט אז מען הערט די מגילה זעט מען מרדכי ביי די מגילה. האט רבי נתן צוגעלייגט נאך, אז מען קען שרייען 'הצילני' - איז נאך א בעסערע עצה, אוודאי גוט...

אבער אז איינער האט נישט געשריגן, **האט זיך געענדיגט דער פורים?!** - פאר א ברסלב'ער חסיד פאסט נישט אזא שאלה..

[שואל: עס איז נאר כדי חיונו בצמצום...] וואס הייסט 'כדי חיונו בצמצום'? וואו שטייט אזעלכע זאכן - וואס הייסט?! ס'דא א פורים!

[ש: מ'קען אן קיין שום הכנה אנקומען צום פורים און באקומען דעם אור פון מרדכי?] איינער איז געקומען צום פורים אן קיין הכנה – איז וואס, דארף ער זאך מייאש זיין, ער איז שוין נישט זוכה דעם פורים.. וואס הייסט? ס'איז געענדיגט - דער פורים דארף ער זאך מייאש זיין?!

[ש: נישט זיך מייאש זיין. אבער איינער האט ווייניגער, איינער האט מער...] בסיידר, זייער גוט אוודאי אזוי! איינער האט נאכמער איז נאך בעסער! - די אלע זאכן איז גוט ווען איינער וויל מעורר זיין, אבער דא רעדט מען איצטער **'פארוואס ביזטו מבולבל?'**

דער מענטש איז מבולבל. וואס ביזטו מבולבל? ווי אזוי איז א מענטש מבולבל?! - דעם רבינ'ס זאך איז דאך היפך פון בלבול.

## אזוי דארף מען מאכן התבודדות...

[שואל: דער רבי האט געזאגט ווי אזוי דארף מען האבן התבודדות?] דער רבי האט געזאגט ווי אזוי דארף מען מאכן התבודדות. אזוי שטייט[כה] - בשעת דער רבי איז

**כה.** ראה שבחי הר"ן יט וזל"ש: וְאַחַר זְמַן קָצָר נָפַל שָׁם דֶּבֶר בָּעִיר, וְהֻכְרַח לִבְרֹחַ מֵאַכְסַנְיָא שֶׁלּוֹ לְאַכְסַנְיָא אַחֶרֶת, וְאַחַר כָּךְ נָפַל שָׁם הַדֶּבֶר גַּם כֵּן, וְהֻכְרַח לִבְרֹחַ מִטְּבֶרְיָה. וּבְרִיחָתוֹ מִטְּבֶרְיָה בְּעֵת הַדֶּבֶר, רַחֲמָנָא לִצְלַן, הָיָה בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה מְאֹד, כִּי הַשַּׁעַר שֶׁל הַחוֹמָה הָיָה סָגוּר, וְהָיָה מֻכְרָח לִבְרֹחַ דֶּרֶךְ הַמְּעָרָה, עַד שֶׁבָּא אֶל הַחוֹמָה אֵצֶל שְׂפַת כִּנֶּרֶת, וְרָצָה לַעֲלוֹת עַל הַחוֹמָה וְלֵירֵד מִשָּׁם כְּדֵי לָצֵאת עַל יְדֵי זֶה מִן הָעִיר. **וַיְהִי כַּאֲשֶׁר עָלָה עַל הַחוֹמָה וְעָבַר וּבָא עַל צַד הַשֵּׁנִי כְּלַפֵּי חוּץ,**

אנטלאפן פון טבריה ווייל עס איז געווען א מגיפה, איז דער רבי ארויפגעקראכן אויף די חומה און זיך געגעבן א טרעף אז ער הענגט אזוי - פון אונטן דעם ים, פון אויבן דעם הימל; ממש אויף א רגע צו אראפ פאלן ממש - וואס טוט מען? האט ער געשריגן צום אויבערשטן---

ער האט אפילו נישט געקענט שרייען נאר 'תולה זיין עיניו' צום אויבערשטן, האט ער תולה געווען עיניו צום אויבערשטן און דער אויבערשטער האט אים געהאלפן - תוך כדי האט אים דער אויבערשטער געראטעוועט!

האט דער רבי געזאגט - אזוי דארף מען האבן התבודדות!

דאס הייסט, אזוי ווי א מענטש האלט אין די לעצטע מינוט - אין די לעצטע מינוט וואס מ'האלט, דארף מען אויך נישט פארלירן די יישוב הדעת! - דאס איז דער יישוב הדעת פון התבודדות.

דער יישוב הדעת פון התבודדות איז – אז אין גרעסטן 'מצב מטורף' וואס א מענטש געפינט זיך, וואס א מענטש פילט אז ס'איז עק וועלט. אבער איך האב דעם אויבערשטן!

איך האב דעם אויבערשטן; איך קען רעדן צו אים, איך קען זאך אנשפארן אויף אים - יעדע רגע!

דאס האט דער רבי געוואלט אריינברענגען אין אונז: **מען זאל א גאנצע צייט רעדן מיטן אויבערשטן!**

דער רבי האט געוואלט מאכן התבודדות פלעגט ער זאך נעמען א שיפל און אריינגיין אין טייך[כו] - ער האט נישט געקענט גוט פירן, האט ער געשריגן

---

**הִסְתַּכֵּל - וְהִנֵּה הַיָּם תַּחְתָּיו, וְהוּא הָיָה תָּלוּי וְעוֹמֵד עַל יָדָיו וְעַל רַגְלָיו עַל הַחוֹמָה לְמַעְלָה, וְתַחְתָּיו הָיָה הַיָּם, וְנָשָׂא לִבּוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, וְהִצִּילוֹ בְּרַחֲמָיו, וְיָצָא מִשָּׁם בְּשָׁלוֹם.**

**כו.** ראה שיחות הר"ן קיז: בִּכְפַר אוֹסְיַאטִין סָמוּךְ לָעִיר מֶעדְוֶועדְוְוקֶע, שָׁם הָיָה דָּר חָמִיו זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וְשָׁם הָיָה עִקַּר גִּדּוּלוֹ. וְשָׁם הוֹלֵךְ נָהָר גָּדוֹל וְעָלָיו גְּדֵלִים קָנֶה וָסוּף הַרְבֵּה לִמְאֹד מְאֹד. הָיָה דַּרְכּוֹ בַּקֹּדֶשׁ שֶׁל אֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זֵכֶר צַדִּיק וְקָדוֹשׁ לִבְרָכָה, שֶׁהָיָה לוֹקֵחַ לִפְעָמִים סְפִינָה קְטַנָּה וְשָׁט עִמָּהּ בְּעַצְמוֹ לְתוֹךְ הַנָּהָר הַנַּ"ל, אַף עַל פִּי שֶׁלֹּא הָיָה יָכוֹל הֵיטֵב לְהַנְהִיג סְפִינָה זֹאת, אַף עַל פִּי כֵן הָיָה שָׁט עִמָּהּ עַד אֲחוֹרֵי הַקָּנֶה וָסוּף, עַד הַמָּקוֹם שֶׁלֹּא הָיוּ רוֹאִין אוֹתוֹ עוֹד. וְשָׁם עָשָׂה

צום אויבערשטן.. דער רבי האט זיך צוגעברענגט צו א מצב פון א פארלוירנקייט און געשריגן צום אויבערשטן.

דער רבי האט זיך געוואלט מרגיל זיין – און דער רבי האט אונז עס געלערנט[כז] – אז די התבודדות איז א זאך וואס העלפט פאר א מענטש. ס'איז נישטא קיין שום פארלוירענע מצב - קיין שום פארלוירענע מצב!

נישטא נאך אזא עצה וואס בינדט צו אזוי דעם מענטשן צום אייבערשטן פון יעדן מצב - אלע סארט זאכן.

מ'האט געהערט א שמועס דא, געזען א 'שיחה' דארט - די אלע זאכן איז אלעס גוט אויף צו מוסיף זיין. אבער די אלע זאכן זאל נוצן אויף צו מרחיק זיין? גיוואלד! דאס איז היפך הגמור - היפך הגמור פון רבינ'ס יישוב הדעת, היפך הגמור...

## הער די מגילה בתמימות!

[שואל: אויב איינער קומט אן יישוב הדעת קען ער נישט טרעפן דעם 'צדיק'?] **ער קומט אין שול זאל ער זוכן - מען זאל אים יעצט אויפן פלאץ זוכן.**

---

מַה שֶּׁעָשָׂה בַּעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בִּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת אַשְׁרֵי לוֹ. כִּי בֶּאֱמֶת זָכָה לְמַה שֶּׁזָּכָה כַּנִּרְאֶה בְּחוּשׁ בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים:

**כז.** ראה שם בשיחות הר"ן קי"ז: מֵעִנְיַן הַסְּפִינָה הַנַּ"ל שֶׁהָלַךְ עִם הַסְּפִינָה לְתוֹךְ הַנָּהָר וְהוּא לֹא יָדַע לְהַנְהִיג הַסְּפִינָה. וּכְשֶׁבָּא בְּתוֹךְ הַנָּהָר רָחוֹק מֵהַיַּבָּשָׁה וְלֹא יָדַע כְּלָל מַה לַּעֲשׂוֹת כִּי הַסְּפִינָה מִתְנוֹדֶדֶת וְכִמְעַט שֶׁטָּבַע חַס וְשָׁלוֹם וְאָז צָעַק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְהֵרִים יָדָיו אֵלָיו כָּרָאוּי, וְכֵן כְּשֶׁהָיָה תָּלוּי בְּיָדָיו עַל הַחוֹמָה בִּטְבֶרְיָה כְּשֶׁרָצָה לִבְרֹחַ מֵהָעִפּוּשׁ רַחֲמָנָא לִצְלַן וְכוּ' וְרָאָה תַּחְתָּיו הַיָּם כִּנֶּרֶת וְכִמְעַט כִּמְעַט שֶׁיִּפֹּל כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר בְּסִפּוּר הַנְּסִיעָה שֶׁלּוֹ לְאֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אָז גַּם כֵּן צָעַק בְּלִבּוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי.

**וְהָיָה רָגִיל לְסַפֵּר זֹאת וְרָצָה לְהַכְנִיס בְּלִבֵּנוּ שֶׁכָּךְ צָרִיךְ כָּל אֶחָד וְאֶחָד לִצְעֹק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלִשָּׂא לִבּוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ** כְּאִלּוּ הוּא בְּאֶמְצַע הַיָּם תָּלוּי עַל חוּט הַשַּׂעֲרָה וְהָרוּחַ סְעָרָה סוֹעֵר עַד לֵב הַשָּׁמַיִם עַד שֶׁאֵין יוֹדְעִין מַה לַּעֲשׂוֹת וְכִמְעַט אֵין פְּנַאי אֲפִלּוּ לִצְעֹק. אֲבָל בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי אֵין לוֹ עֵצָה

[ש. ער הערט נאר די מגילה...] פארוואס הערט ער די מגילה? ווייל ער פאלגט די הלכה, ווייל אזוי שטייט - ער איז א 'איד' און מען דארף הערן די מגילה כדי צו מודיע זיין די נס, זאל זיין פרסומי ניסא[כח]. - הייסט אז מ'זוכט דעם צדיק.

[ש. וואס איז די פירסומי ניסא?] אז המן האט געוואלט הרגענען פאר מרדכי און דער אויבערשטער האט געהאלפן מרדכי - דאס הייסט זען די ליכטיגקייט פון מרדכי'ן! אזוי זאגט רבי נתן אין לקו"ה[כט] דאס איז דער אור פון מרדכי'ן, אז מען זעט די גדולה פון מרדכי.

נישט נאר אז המן האט נישט מצליח געווען נאר עס איז געווארן איבער געדרייט און די גאנצע גדולה.. און נישט נאר מרדכי נאר אלע אידן - אבער אלץ צוליב מרדכ'ען, דער עיקר איז געווען מרדכי. עס האט זיך איבערגעדרייט מהיפך להיפך, די גאנצע מעשה בלילה ההוא נדדה שנת המלך וכו'[ל] - דאס אלעס שטייט אין די מגילה.

---

וּמָנוֹס כִּי אִם לִשָּׂא עֵינָיו וְלִבּוֹ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, **וְכָךְ צְרִיכִין בְּכָל עֵת לְהִתְבּוֹדֵד וְלִצְעֹק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.** כִּי הָאָדָם בְּסַכָּנָה גְּדוֹלָה בָּזֶה הָעוֹלָם כַּאֲשֶׁר יוֹדֵעַ כָּל אֶחָד בְּנַפְשׁוֹ, וְהָבֵן הַדְּבָרִים הֵיטֵב:

**כח.** עיין מסכת מגילה דף ג: (וראה ליקוטי הלכות יבום וחליצה ג,כא)

**כט.** ראה ליקוטי הלכות בכור בהמה טהורה ד,ז וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת קְרִיאַת הַמְּגִלָּה שֶׁהִיא בְּחִינַת קְרִיאַת הַתּוֹרָה, שֶׁהִיא בְּחִינַת יִרְאָה, כִּי צְרִיכִין לַעֲמֹד בִּשְׁעַת הַקְּרִיאָה בְּאֵימָה וְיִרְאָה וְרֶתֶת וְזִיעַ כְּמוֹ בִּשְׁעַת מַתַּן תּוֹרָה, כַּמּוּבָא בְּכָל הַסְּפָרִים. וְעַכְשָׁו מַמְשִׁיכִין הַיִּרְאָה בְּשֵׂכֶל עֶלְיוֹן מְאֹד מְאֹד **עַל-יְדֵי קְרִיאַת הַמְּגִלָּה שֶׁהִיא פִּרְסוּמֵי נִסָּא, שֶׁמְּפַרְסֵם שֶׁאֵין לְהִתְיָרֵא מִשּׁוּם אָדָם וּמִשּׁוּם דָּבָר שֶׁבָּעוֹלָם כִּי אִם מֵה' יִתְבָּרַךְ לְבַדּוֹ. כְּמוֹ שֶׁרָאִינוּ בְּחוּשׁ בְּתֹקֶף הַנֵּס הַנּוֹרָא הַזֶּה עַל-יְדֵי מַפֶּלֶת הָמָן וּגְדֻלַּת מָרְדְּכַי.** (וראה שם באריכות בביאור כל סיפור המגילה וכוחו של מרדכי הצדיק וכו')

**ל.** ראה ליקוטי הלכות פורים א,א ועוד

## ניץ דיין שכל!

אבער א מענטש איז מבולבל און פרעגט שאלות, ווייל ער האט נישט קיין התבודדות!

א מענטש איז נישט אזוי פארתם'ט – אבער אז ער איז נישט מיושב פירט ער זיך אזוי ווי דער ערגסטער פארביתם'טער, און נאך אסאך ערגער...

דאס איז יישוב הדעת, מען זאגט א מענטש; האסט דאך שכל פארוואס ניצטו נישט דיין שכל - פארוואס פונקט אוואו מען דארף טראכטן דאס, טראכסטו עפעס אנדערש?

אוואו דיין שכל? דער אויבערשטער האט דיר געגעבן א פשוט'ן שכל און מיט דעם שכל קענסטו זוכה זיין אן א שיעור - אבער מען קען באמת נישט זוכה זיין מיט דעם שכל. ס'איז א שכל פשוט - מען קען נישט זוכה זיין צו דעם שכל, אן קיין תפלה! מען קען נישט זוכה זיין נאר מיט תפלה - בעטן דעם אויבערשטן!

רבי נתן האט יעדן טאג ביי 'אתה חונן' זיך אפגעשטעלט און שטארק מאריך געווען ביי דעם - דאס איז די תחילת הבקשות פאר מען בעט עפעס, בעטן: 'רבש"ע גיב מיר שכל, גיב מיר שכל!'

א מענטש דרייט זיך ארום אן קיין שכל, ער רעדט רוב צייט שטותים והבלים - ער שטעלט זיך נישט אפ א רגע צו טראכטן, ער שטעלט זיך נישט אפ.

דער רבי האט געוואלט מען זאל טראכטן, טראכטן! - נישט טראכטן פילוסופיעס, נאר תמימותדיגע מחשבות, טראכטן אמת'ע מחשבות.

דאס באקומט מען נאר פון תפלה, נאר פון תפלה!

[שואל: 'דעת' הייסט שכל נישט אין תורה, 'אתה חונן' איז דאך תורה...] אויף תורה! אבער די תורה זאל אריינגיין אין דעם מענטשן - דער עיקר פון די תורה איז "ללמוד וללמד לשמור ולעשות ולקיים" - 'ולקיים' דאס דער עיקר! מען זאל מקיים

זיין די 'אמונות', די תורה זאל ארייגגיין אין דעם מענטשן - דער מענטש זאל לעבן מיט די תורה.

עס קומט סוכות זאל א מענטש שפירן אט גייט סוכות. עס קומט פורים – אט גייט פורים.

## די פשוט'ע חיות...

מען זיצט ביי די מגילה, יעדער איינער דער קלענסטער אינגאלע – די קליינע קינדער זיי קומען אהיים פון חיידר, מען דערציילט די מגילה מיט פול חיות...

ס'דא איינער וואס ווייסט נישט וואס פורים איז? - די קלענסטע קלענסטע מיידאלע דערציילט פון פורים...

אבער וואו איז די יישוב הדעת? נעם עס! ווער נתקרב צום אויבערשטן פון דעם!

רעד צום אויבערשטן – רבש"ע איך האב געהערט פון דער רב'ה – א קינד דארף אויך רעדן צום אויבערשטן; כ'האב געהערט פון דער רב'ה אין חיידר אז המן האט געוואלט הרג'ענען מרדכי און מען האט אים געהאנגען אויפן זעלבן בוים.

רבש"ע מאכסט דאך אזעלכע ניסים ונפלאות מיט אונז, ווייז מיר אויכעט[לא]! - ווייז מיר, ווייז מיר ווי אזוי דו פירסט מיר, ווייז מיר די השגחה - ווייז מיר ווי א גאנצע צייט בין איך תלוי אין דיר...

---

**לא.** ראה על"ת מכתב קעד: וִימֵי הַפּוּרִים מְמַשְׁמְשִׁים וּבָאִים, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִשְׁמַע זַעֲקָתֵנוּ לְמָחָר בְּיוֹם תַּעֲנִית אֶסְתֵּר, **וְנִזְכֶּה לִשְׁפֹּךְ לִבֵּנוּ כַּמַּיִם לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, וְכַעֲשׂוֹתוֹ נוֹרָאוֹת בְּאוֹתָם הַיָּמִים, כֵּן יַפְלִיא חַסְדּוֹ עִמָּנוּ תְּשׁוּעַת עוֹלָמִים,** וְנִזְכֶּה לִשְׂמֹחַ בִּישׁוּעָתוֹ מְהֵרָה בִּימֵי הַפּוּרִים הַקְּדוֹשִׁים הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם. ובמכתב רל"ז: וִימֵי הַפּוּרִים הַנּוֹרָאִים מְמַשְׁמְשִׁין לָבוֹא, הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יְשַׂמְּחֵנוּ בִּישׁוּעָתוֹ. **וַאֲנִי מַאֲמִין שֶׁבְּוַדַּאי יַעֲשֶׂה הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עִמָּנוּ נִסִּים נוֹרָאִים, גַּם בִּימֵי הַפּוּרִים הָאֵלֶּה,** כִּי "הֵם נִזְכָּרִים וְנַעֲשִׂים בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, וּבְכָל שָׁנָה וְשָׁנָה".

איך זאל זיין מקורב צו דיר, זיין דבוק צו דיר, איך זאל דיר ליב האבן – איך זאל מורא האבן פון דיר, איך זאל דיר פאלגן א גאנצע צייט. איך זאל היטן מיינע אויגן און מיינע מחשבות, איך זאל דאווענען מיט כוונה, זאגן א ברכה מיט כוונה, הערן די מגילה מיט כוונה, איך זאל רעדן צו דיר דיבורים, איך זאל געבן טרערן, איך זאל טאנצן, זיין פריילאך - דאס דארף מען אויסבעטן ביים אויבערשטן.

פשוט אויסבעטן, אויסבעטן...

## פארמאך נישט דיין מויל!

דאס איז דאך א וועג פון רבי'ן א מענטש זאל נישט פארמאכן זיין מויל[לב] - רעדן צום אויבערשטן אויף יעדע זאך.

רבי נחמן טולטשינער איז געשטאנען נעבן רבי נתן[לג], ער האט אריינגעהאקט א טשוואק און זיך צוקלאפט. האט רבי נתן אים געזאגט: "פארוואס האסטו נישט מתפלל געווען פארן אריינקלאפן דעם טשוואק?" -

**לב.** ראה טעם זקנים קונטרס כ"ח: רבי אברהם האט קיינמאל נישט געזאגט קיין מוסר! ער האט נאר געזאגט - ער פלעגט זאגן דארטן, אז **"פארוואס האלסטו פארמאכט דאס מויל? דאס מויל איז אזוי ווי א מיל!"** ובטעם זקנים קונטרס קל"ח: איך בין געווען אמאל מיט ר' אברהם ר' נחמן'ס דארטן אין א וואַק-זַאל (- באן סטאנציע), האט ער שוין גערעדט צום אויבערשטן. איך בין אבער געשטאנען אזוי. (האט ער זיך אנגערופן:) **"פארוואס האלסטו פארמאכט דאס מויל?** א מיל אז זי מאלט נישט, ווערט זי אן מָאלַאכטס; פארוואס האלסטו פארמאכט דאס מויל?!".

**לג.** ראה שיש"ק החדש ג' ק"ג: **פַּעַם** דָּפַק רַבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער אֵיזֶה מַסְמֵר בַּכֹּתֶל וְקִבֵּל עַל יְדֵי זֶה מַכָּה בְּאֶצְבָּעוֹ; וּכְשֶׁרָאָה זֹאת מוֹהֲרַנַ"ת אָמַר לוֹ: **"פַארְוָואס הָאסְטוּ נִישְׁט גֶעבֶּעטְן אוֹיף דֶעם פַארְן קְלַאפְּן דָאס טְשְׁוָואק, זָאל זִיךְ נִישְׁט קְלַאפְּן דִי פִינְגֶער?"** - "מַדּוּעַ לֹא הִתְפַּלַּלְתָּ עַל כָּךְ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִפְנֵי שֶׁדָּפַקְתָּ אֶת הַמַּסְמֵר, שֶׁלֹּא תְקַבֵּל מַכָּה בְּאֶצְבְּעוֹתֶיךָ?"

האסט נישט מתפלל געווען פארן ארײנקלאפן דעם טשוואק זאלסט זיך נישט אנקלאפן...

דאס איז דעם רבי'נס וועג אז מען זאל זיין 'רצוף תפלה' – רעדן. יעדע זאך זאל זיין רצוף תפלה[לד].

מען לערנט - רעדט מען צום אויבערשטן! א מענטש האלט דאך ליידער אין איין 'מפסיק זיין ממשנתו' צו רעדן מיט א חבר, **רעד צום אויבערשטן!** לערן און בעט דעם אויבערשטן: 'רבש"ע העלף מיר איך זאל פארשטיין דעם רש"י, העלף מיר פארשטיין דעם תוספות. איך דאנק דיר כ'האב פארשטאנען העלף מיר ווייטער, האסט מיר געהאלפן מיטן ערשטן האלבן תוס' העלף מיר מיטן צווייטן האלבן תוס'...

רעד א גאנצע צייט - אבער מיטן אויבערשטן!

דאס איז דער וועג! דאס איז דער ברסלבער וועג! דאס איז ברסלב - א איד זאל ווערן א שטיק תפלה!

## פורים – א שטיק תפילה!

קומט פורים איז תפלה. עס גייט אריין פורים - ביי 'מחצית השקל' זיי מתפלל פארדעם, מען גייט דאווענען מעריב זיי מתפלל פארדעם, מען גייט הערן די מגילה – זיי מתפלל פארדעם, אינמיטן ליינען די מגילה, קענסטו ליינען און...

ברסלב'ער חסידים פלעגן ווײנען ביי די מגילה – דער גאנצער מגילה ליינען האט זיך געהערט ווי א 'דרך תפלה' - מען האט געהערט, דעם אויבערשטן האט מען געהערט...

---

**לד.** ראה שיחות הר"ן רל"ג

תפלה – דאס מאכט דעם חיבור! דער רבי זאגט[לה] **'תפלה איז מלשון דביקות'** - תפלה איז מחבר א איד מיט דעם אויבערשטן.

מען ענדיגט ליינען די מגילה דאנקט מען דעם אויבערשטן און מען בעט ווייטער אויף יעדע זאך, ווען מען גייט שלאפן - מען זאל זוכה זיין צו אויפשטיין חצות, מען זאל זוכה זיין צו אויסניצן די נאכט. בעט מען דעם אויבערשטן!

מען קומט אינדערפרי – יעדע זאך, יעדע זאך דארף מען ווייטער אויסבעטן[לו], מען בעט אויף די 'משלוח מנות', מען בעט אויף די 'מתנות לאביונים' אויף יעדע זאך בעט מען - מען בעט, מען דאנקט. אויף די סעודה בעט מען, אויפן וויין בעט מען, אויפן יעדן טרונק בעט מען...

די גאנצע שכרות איז איין גרויסע התבודדות - די גאנצע שכרות, מען דארף נישט אזויפיל דרש'ענען... רעד צום אויבערשטן! דרש'ן צום אויבערשטן – **"נכנס יין יצא סוד!"**

ווערט נתגלה דער 'סוד' – עס איז דא א סוד אז עס איז דא א גאט אויף דער וועלט - רבש"ע זיי מיר מגלה דעם סוד, איך זאל זוכה זיין צו וויסן אז דו פירסט די וועלט, איך זאל זוכה זיין צו וויסן אז עס איז דא צדיקים, איך זאל זוכה זיין צו וויסן דעם אמת!

עס איז דברים פשוטים די אלע זאכן – עס איז נישט קיין זאכן וואס מען דארף לערנען די 'הלכה' צו יענע 'הלכה' [אין ליקוטי הלכות]!

מען דארף לערנען לקוטי הלכות, אוודאי דארף מען לערנען לקוטי הלכות - אבער מען רעדט דאך אז מען לערנט דאך לקוטי הלכות, יעדער איינער

---

**לה.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה פד תנינא, ובליקו"ה תפילין ה, מג.

**לו.** ראה לדוגמא בעל"ת מכתב תי"ח: **לְעֵת עַתָּה צְרִיכִין לְבַקֵּשׁ מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיַּעַזְרֵנוּ לָצוּם תַּעֲנִית אֶסְתֵּר כָּרָאוּי**, וְלִצְעֹק וְלִזְעֹק וּלְהִתְפַּלֵּל כָּרָאוּי וְלִשְׁפֹּךְ לִבֵּנוּ כַּמַּיִם נוֹכַח פְּנֵי ה' עֲדֵי נִזְכֶּה שֶׁיַּעֲנֵנוּ וְיַעַזְרֵנוּ וְיוֹשִׁיעֵנוּ יְשׁוּעוֹת שְׁלֵמוֹת מְהֵרָה, עַד נִזְכֶּה לְקַבֵּל יְמֵי הַפּוּרִים בְּשִׂמְחָה רַבָּה כָּרָאוּי.

לערנט דאך לקוטי הלכות - מען לערנט און מען לערנט און מען וועט ווייטער לערנען...

אבער עס איז דא דא עפעס א נקודה, 'דער נקודה פון התבודדות'; מען דארף א גאנצע צייט האבן התבודדות! יעדן טאג דארף מען האבן התבודדות - אבער אז עס קומט פורים דארף מען מער האבן התבודדות, מען דארף נאך וויכטיגער אנקומען צו די התבודדות.

## די הכנה וואס דער רבי לערנט אונז

אז עס קומט – וואס מער דער צורך –דארף מען נאכמער, וואס מער דער 'דבר שבקדושה' דארף מען נאכמער התבודדות.

רבי אברהם רבי נחמן'ס פלעגט יעדן ערב שבת – אזוי שטייט ווי אזוי האט ער מקבל געווען שבת - יעדן ערב שבת האט ער מקבל געווען מיט א 'שעה התבודדות!'

עס איז ידוע[לז] אז רבי אברהם רבי נחמן'ס פאר שבת פלעגט ער ווארטן - אבער לעצטנס האב איך געזען אין 'טעם זקנים'[לח] אז רבי אברהם רבי נחמן'ס האט געהאט א שעה התבודדות פאר שבת, יעדן ערב שבת האט ער פשוט געהאט התבודדות, געהאט התבודדות פאר שבת..

---

**לז.** ראה בשיש"ק הישן: לִשְׁלֹשָׁה דְבָרִים הִבְחִינוּ שֶׁמְּצַפֶּה לָהֶם בִּכְלְיוֹן עֵינַיִם: לְעֵת חֲצוֹת לַיְלָה, כִּי הָיָה מַקְפִּיד לָקוּם וּלְהִתְעוֹרֵר בְּעֵת נְקוּדַת חֲצוֹת הַלַּיְלָה מַמָּשׁ, וְאַחַר כָּךְ לְעֵת זְמַן הֲנָחַת הַטַּלִּית לַתְּפִלָּה, וּלְקַבָּלַת הַשַּׁבָּת שֶׁהָיָה מְצַפֶּה לְבוֹא הַשַּׁבָּת בִּכְלוֹת הַנֶּפֶשׁ. [וראה גם בטעם זקנים קונטרס קי"ז: ר' אברהם ר' נחמן'ס האט געזאגט "אויף דריי זאכן דארף א מענטש אויסווארטן - א מענטש דארף ווארטן אויף 'חצות', ער דארף ווארטן אויף 'שבת', און מען דארף ווארטן ער זאל מעגן לייגן דעם 'טלית'!" - דאס איז דריי זאכן וואס דער מענטש דארף אלץ משתוקק זיין דערצו און ווארטן עס זאל קומען.]

**לח.** ראה שם בטעם זקנים קי"ז: ר' אברהם ר' נחמן'ס איז תמיד געווען אין שול פריער, **ער האט זיך א שעה מתבודד געווען** - 'אה, עס דארף אנקומען דעם שבת, אזא טייערער גאסט דארף אנקומען!' אה, אזא גאסט - דער שבת, אלץ איז דאך געוואנדן אין דעם!

רבוש"ע האט קומט שבת - אט גייט קומען א שבת – ווי אזוי נעמט מען אריין דעם שבת?

רבוש"ע אט גייט שבת; ווי גייט זיין דער 'הודו'? ווי גייט זיין דער 'לכו נרננה'? ווי גייט זיין דער 'כגוונא', ווי גייט זיין דער גאנצער דאווענען, דער אכילת שבת, דער 'שלום עליכם' - יעדער נקודה אויסבעטן!

אויסבעטן יעדער דבר שבקדושה - אז עס קומט די צייט, **די הכנה איז אויסבעטן די זאך**; בעטן פארן אויבערשטן גיב מיר א מתנת חינם, איך ווייס נישט ווי אזוי...

ווען דער רבי איז געווען א קינד – שטייט[לט] – אז דער רבי האט זיך ארייגעלייגט דעם קאפ אין סטענדער און אפאר שעה געוויינט אויף קדושת שבת..

כפשוטו, געוויינט אויף קדושת שבת!

דאס איז די הכנה אמיתית! דאס איז די הכנה וואס דער רבי לערנט אונז - ווען נישט וואלטן אונז דאס קיינמאל נישט אליין געוואוסט...

## נישטא קיין שום אנדער עצה!

דאס איז דער עיקר עצה וואס דער רבי לערנט אונז. און יעדער איינער וויפל התבודדות עס גייט אריין אין א מענטשן, אזויפיל ברסלב'ער איז ער - וויפל עס קריכט אריין אין אים אז עס איז נישטא קיין שום אנדער עצה, נישטא קיין שום דבר שבעולם.

נישט בגשמיות, נישט ברוחניות, נישט אין דברים התלויים בזמן נישט אין דברים התלויים ב-וואס א זאך. דאס איז דאס- יעדע זאך איז אלס תלוי אין איין זאך: **'בעטן דעם אויבערשטן!'**

**לט.** ראה בחיי מוהר"ן רלא

בעטן יעדע זאך, דבר קטן דבר גדול[מ] - בעטן דעם אויבערשטן!

דאס איז יישוב הדעת! דאס איז מקרב דעם מענטשן צום אויבערשטן, און דעם מענטשן צו די עצות - אלע גוטע עצות, אלע דברים שבקדושה - ער ווערט נאנט מיט דעם וואס ער איז מקיים, עס ווערט ביי אים 'סם החיים'.

די תורה ווערט ביי אים סם החיים; יעדער דיבור וואס ער הערט זאל אים מחיה זיין, נישט ס'זאל אים אראפווארפן. נישט נוצן גוטע ווערטער וואס ער האט געהערט זאל אים עס אראפווארפן, זאל אים עס נאר אויפהייבן...

דאס ווערט אלץ דורך תפלה! די תפלה מאכט אז דער גאנצער מענטש און אלע זיינע חלקים זאלן ארבעטן; ווען ער טרעפט זיך פארלוירן - שרייט ער נאכמער צום אויבערשטן, טאמער ח"ו אינמיטן כאפט ער א קלאפ, און ער פארגעסט ווי אזוי ער הייסט - הויבט ער אן נאכמער שרייען צום אויבערשטן.

פון דעם גרעסטן נאנטקייט שרייט מען צום אויבערשטן, און פון דעם גרעסטן מרחק שרייט מען צום אויבערשטן[מא]. אפילו אסאך מאל גייט עס אהין און צוריק – אינמיטן איז אזוי אינמיטן אזוי, פון אלע סארטן פלעצער, שרייט מען צום אויבערשטן!

פון אלע סארטן פלעצער רעדט מען צום אויבערשטן - דער אויבערשטער געפינט מען אין יעדן פלאץ, אין יעדן פלאץ קען מען רעדן צו אים! אין יעדן פלאץ איז ער דא מיט מיר![מב]

---

**מ.** ראה בליקוטי מוהר"ן תורה יד,יא ובשיחות הר"ן רל"ג

**מא.** ראה שיחות הר"ן ש"ב :

**מב.** ראה ליקוטי מוהר"ן קמא תורה ע"ח וזל"ש: הַדִּבּוּר הוֹלֵךְ עִם הָאָדָם אֲפִלּוּ לַמְּקוֹמוֹת הַמְּטֻנָּפִים, כְּמוֹ הָאֵם הַהוֹלֶכֶת עִם הַוָּלָד לְכָל מָקוֹם שֶׁהוּא הוֹלֵךְ, **וְעַל כֵּן נִקְרָא הַדִּבּוּר "אֵם הַבָּנִים".** וְזֶהוּ: "כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכוֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד", הַיְנוּ שֶׁאֲפִלּוּ אִם הָאָדָם מֻנָּח, חַס וְשָׁלוֹם, בַּמָּקוֹם שֶׁהוּא, אֲפִלּוּ בְּשֵׁפֶל הַמַּדְרֵגָה מְאֹד, אֲפִלּוּ בַּמְּקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, אַף־עַל־פִּי־כֵן **עַל־יְדֵי הַדִּבּוּר יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.** דְּהַיְנוּ, שֶׁאֲפִלּוּ אִם הוּא בַּמָּקוֹם שֶׁהוּא, אִם יִתְחַזֵּק גַּם שָׁם לְדַבֵּר עַל־כָּל־פָּנִים דִּבּוּרִים קְדוֹשִׁים שֶׁל תּוֹרָה וּתְפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, יָכוֹל לְהַזְכִּיר אֶת עַצְמוֹ בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, אֲפִלּוּ שָׁם בַּמְּקוֹמוֹת הַנְּמוּכִים, שֶׁהֵם בְּחִינוֹת מְקוֹמוֹת הַמְטֻנָּפִים, אֲפִלּוּ אִם נָפַל לְמָקוֹם שֶׁנָּפַל,

- דאס איז די אמת'ע יישוב הדעת!

## יעדע רגע פון פורים...

דאס איז דער אמת'ער יישוב הדעת - דער אמת'ער פורים!

עס איז נישטא א רגע אין פורים - דער פורים הויבט זיך אן און דער פורים ענדיגט זיך, דער טאג איז אין 'זמן'. ווי גרויס דער אור פון פורים איז, איז עס תלוי בזמן, עס איז תלוי אין צייט - פיר און צוואנציג שעה וואס הויבט זיך אן און ענדיגט זיך.. אבער יעדע רגע פון פורים איז 'אין סוף'!

ווי אזוי בין איך קונה דעם אין סוף? מיט דיבורים צום אויבערשטן! – מיט יעדן דבור ביזטו קונה אין סוף, אין סוף...

דער 'כח הדיבור'; דער אויבערשטער פירט די וועלט מיטן דיבור [מג], אלעס גייט מיטן דיבור [מד] –מיטן דיבור איז מען זוכה, מען כאפט אן די גרעסטע זאכן [מה].

---

כִּי הַדִּבּוּר אֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לִשְׁכֹּחַ אֶת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. בִּבְחִינוֹת: "כִּי מִדֵּי דַבְּרִי בּוֹ זָכוֹר אֶזְכְּרֶנּוּ עוֹד", **שֶׁכָּל זְמַן שֶׁיֵּשׁ בּוֹ הַדִּבּוּר שֶׁל הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, שֶׁהוּא הַדִּבּוּר דִּקְדֻשָּׁה, זֶה הַדִּבּוּר אֵינוֹ מַנִּיחַ אוֹתוֹ לִהְיוֹת נִשְׁכָּח מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ**, כִּי הַדִּבּוּר זוֹכֵר וּמַזְכִּיר אוֹתוֹ לְהִתְחַזֵּק בְּהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ בַּמָּקוֹם שֶׁהוּא.

**מג.** ראה ליקוטי מוהר"ן קמא תורה עה: **כִּי עִקַּר הַבְּרִיאָה הָיְתָה עַל־יְדֵי הַדִּבּוּר**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (תְּהִלִּים ל"ג): "בִּדְבַר ה' שָׁמַיִם נַעֲשׂוּ".

**מד.** ראה בתורה עח: **וּמֵאַיִן יוֹצְאוֹת נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל, מֵעוֹלַם הַדִּבּוּר.** וְזֶהוּ "נַפְשִׁי יָצְאָה בְדַבְּרוֹ", הַיְנוּ שֶׁנַּפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל יוֹצְאוֹת מֵעוֹלַם הַדִּבּוּר. וראה בתורה יא: צִפַּרְתָּא - זֶה בְּחִינַת **הַדִּבּוּר שֶׁהוּא אֶמְצָעִי בֵּין הָאָדָם, שֶׁהוּא נִתְהַוֶּה מִמַּיִין דּוּכְרִין וְנוּקְבִין, וּבֵין הַשָּׁמַיִם**, שֶׁהוּא בְּחִינַת תְּבוּנוֹת הַתּוֹרָה. ובתורה ל"ד: **שֶׁהַדִּבּוּר הוּא כְּלֵי הַשֶּׁפַע, שֶׁבָּהֶם מְקַבְּלִין הַשֶּׁפַע.** כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב "וִיבָרֵךְ אֶתְכֶם כַּאֲשֶׁר דִּבֶּר לָכֶם", הַיְנוּ לְפִי הַדִּבּוּר כֵּן הַשֶּׁפַע.

**מה.** עיין ליקוטי מוהר"ן תורה ע"ח וז"ל: **וְהָבֵן הַדָּבָר הֵיטֵב, מִגֹּדֶל כֹּחַ הַדִּבּוּר.** וְהוּא עֵצָה נִפְלָאָה וְנוֹרָאָה לְמִי שֶׁחָפֵץ בֶּאֱמֶת, לְבַל יְאַבֵּד עוֹלָמוֹ לְגַמְרֵי, חַס וְשָׁלוֹם. וראה בליקוטי עצות עפ"י תורה צח תנינא: **הַדִּבּוּר יֵשׁ לוֹ כֹּחַ גָּדוֹל מְאֹד** עַל־כֵּן צָרִיךְ לְהַרְבּוֹת מְאֹד בְּדִבּוּרֵי תּוֹרָה וּתְפִלָּה וּתְחִנּוֹת וּבַקָּשׁוֹת. וּבְיוֹתֵר בְּדִבּוּרִים וְשִׂיחוֹת בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ. וְאִם יִהְיֶה חָזָק בָּזֶה כָּל יְמֵי חַיָּיו, בְּוַדַּאי

אוואו דו שטייסט, רעד צום אויבערשטן! האסט גערעדט צום אויבערשטן – האסטו מחבר געווען אלעס, מחבר געווען צו דיר – באקומען דעם קשר צום אין סוף[מו]...

דאס איז א מורא'דיגע רוח הקודש פון רבי'ן וואס האט משיג געווען אלע מדריגות מעולם ועד עולם[מז] - און ער ברענגט דאס אריין אין אונז און גיבט עס פאר יעדן איינעם.

יעדער איינער קען זוכה זיין אין וואספארא מצב ער געפינט זיך; אין פורים, פאר פורים, אינמיטן פורים - נישט משנה וואספארא סארט מצב און וואס א סארט מציאות ער געפינט זיך - קען ער און דארף ער 'רעדן צום אויבערשטן!'

צו ער איז גאר פריילאך צו גאר פארקלעמט, צו ער איז גאר בכבידות צו ער איז גאר מוטרד, צו מפוחד - וואס א מיני סארטן זאכן ער געפינט זיך אין דעם, אלע סארטן מצבים - רעד צום אויבערשטן! נישטא קיין גרעסערע קנין פון דעם - נישטא!

## פורים איז נאר א התחלה!

דער אויבערשטער זאל אונז אלעמען העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו זיך דערנענטערן צום אויבערשטן מתוך תפלה - מיר זאלן זוכה זיין צו האבן א פורים...

---

יִזְכֶּה לְאַחֲרִית טוֹב בָּעוֹלָם הַזֶּה וּבָעוֹלָם הַבָּא לָנֶצַח (וראה עוד בתורות יט לד ועוד, מגודל כוח הדיבור)

**מו.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה כ"ב אות ט

**מז.** ראה שיחות הר"ן קצו ועל"ת שעד

דער רבי זאגט[מח] גלייך פון פורים הויבט זיך אן א הילוך, אלע התחלות איז דאך מפורים - גלייך הויבט זיך אן - פורים ווערט א הילוך אויף פסח, פורים הויבט זיך נאר אן - **"מפור נעשה פרה"** - עס איז איין לאנגע וועג!

עס איז נישט, אט האט מען זיך געגרייט אויף פורים און דערנארדן (דערנאך) 'ויהי אחר הפורים', ער איז אויפגעשטאנען עס איז נישטא - עס האט זיך געענדיגט. פורים ענדיגט זיך נישט די זאך, פורים הויבט זיך נאר אן די זאך.

מען וויל אז דער פורים זאל ממשיך זיין - ווייטער מיט תפלה, ווידער מיט תפלה, און נאכאמאל, רבש"ע האסט מיר מזכה געווען...

א מענטש מאכט א הכנה אויף פורים, ער בעט אויף פורים - אבער וויפל זעט מען אויפמארגן פון פורים אז ער קען דאנקען אוף פורים; רבש"ע איך

---

**מח.** ראה ליקוטי מוהר"ן תנינא תורה ע"ד וז"ל: **אַחַר פּוּרִים קוֹרִין פָּרָשַׁת פָּרָה, שֶׁהִיא הֲכָנָה לְפֶסַח** כִּי פָּרָשַׁת פָּרָה קוֹרִין, כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ נִזְהָרִין לְטָהֵר מִטֻּמְאַת מֵת כְּדֵי שֶׁיִּהְיוּ טְהוֹרִין לַעֲשׂוֹת הַפֶּסַח פּוּר, **כִּי פּוּרִים עַל שֵׁם הַפּוּר, וְאַחַר כָּךְ נַעֲשֶׂה פָּרָה כִּי גַּם פּוּרִים הוּא בְּוַדַּאי הִלּוּךְ וְדֶרֶךְ לְפֶסַח** [..] כִּי **פּוּרִים הוּא דֶּרֶךְ לְפֶסַח**, שֶׁיִּהְיוּ יְכוֹלִים לִהְיוֹת נִזְהָרִין מֵחָמֵץ [וּפָסַק בְּאֶמְצַע הָעִנְיָן וְלֹא גִּלָּה יוֹתֵר] כִּי בַּתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח וְעַל כֵּן כָּל הַמִּצְווֹת הֵם זֵכֶר לִיצִיאַת מִצְרָיִם [וְלֹא סִיֵּם].

וראה ליקו"ה ברכת הריח ד,כ"ה וזל"ש: **כִּי עַכְשָׁו הַהַתְחָלָה שֶׁל הַגְּאֻלָּה וְתִקּוּן כָּל הָעוֹלָמוֹת הוּא מִפּוּרִים**, כְּמוֹ שֶׁמּוּבָן מֵרִמְזֵי דִּבּוּרָיו הַקְּדוֹשִׁים שֶׁל רַבֵּינוּ ז"ל בְּעֵת שֶׁאָמַר הַתּוֹרָה (ליקוטי תנינא עד) עַל פָּסוּק (שמות כג, טו): "מִ'מִּצְרַיִם וְ'לֹא יֵ'רָאוּ פָ'נַי רֵיקָם" שֶׁהוּא רָאשֵׁי תֵּבוֹת 'פּוּרִים'. שֶׁאָמַר אָז, כִּי מִתְּחִלָּה הָיוּ כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפֶּסַח, שֶׁהוּא יְצִיאַת מִצְרַיִם. וְעַכְשָׁו וְכוּ'. וּפָסַק בְּאֶמְצַע וְלֹא סִיֵּם דְּבָרָיו. **וּמִתּוֹךְ דְּבָרָיו הֵבַנְתִּי שֶׁעַכְשָׁו הַהַתְחָלָה מִפּוּרִים**, שֶׁהוּא מְחִיַּת עֲמָלֵק, שֶׁהִיא עִקַּר הַגְּאֻלָּה שֶׁל מָשִׁיחַ, כִּי (במדבר כד, כ) "רֵאשִׁית גּוֹיִם עֲמָלֵק" וּ"מִלְחָמָה לַה' בַּעֲמָלֵק מִדֹּר דֹּר" (שמות יז, טז) עַד דּוֹרוֹ שֶׁל מָשִׁיחַ, כְּמוֹ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (תנחומא כי תצא יא). [...] עַל-כֵּן הִקְדִּים ה' יִתְבָּרַךְ הָרְפוּאָה עַל-יְדֵי הַהֶאָרָה הַנִּפְלָאָה הַנִּמְשֶׁכֶת עַל-יְדֵי הַנֵּס שֶׁל פּוּרִים בְּכָל שָׁנָה וְשָׁנָה, עַד אֲשֶׁר עַכְשָׁו כָּל הַהַתְחָלוֹת מִפּוּרִים, שֶׁהוּא בְּחִינַת גְּאֻלָּה הָאַחֲרוֹנָה שֶׁהוּא מְחִיַּת עֲמָלֵק כַּנַּ"ל. וַאֲפִילּוּ מִצְוַת פֶּסַח לִהְיוֹת נִזְהָרִין מֵחָמֵץ אֵין אָנוּ יְכוֹלִין לְקַיֵּם בִּשְׁלֵמוּת כִּי אִם עַל-יְדֵי פּוּרִים כְּמוֹ שֶׁכָּתַב שָׁם רַבֵּינוּ ז"ל, שֶׁעַל-יְדֵי מִצְוֹת פּוּרִים יְכוֹלִין לִהְיוֹת נִזְהָרִין מֵחָמֵץ בְּפֶסַח, עַיֵּן שָׁם (ליקוטי תנינא עד). נִמְצָא, **שֶׁעַכְשָׁו הַהַתְחָלָה שֶׁל הַקְּדֻשָּׁה שֶׁאָנוּ צְרִיכִין לְהַמְשִׁיךְ עָלֵינוּ הוּא מִפּוּרִים**.

דאנק דיר האסט מיר מזכה געווען צו הערן די מגילה, האסט מיר מזכה געווען צו געבן מתנות לאביונים, האסט מיר מזכה געווען צו טרינקען, האסט מיר מזכה געווען מיט די סעודה.

דאנקען דעם אויבערשטן אויף קדושת פורים[מט], און בעטן דעם אויבערשטן אויף ווייטער[נ] - אז די קדושה זאל אריינגיין אין אים, די קדושה זאל ממשיך זיין - עס זאל ווערן **"מפור נעשה פרה"**, איך זאל זוכה זיין צו די קדושה פון פרה און די הכנה ודרך ההילוך לפסח.

- דאס ווערט אלעס מיט תפלה!

דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו אנהייבן די אמת'ע התחלה פון פורים און גיין ווייטער מחיל אל חיל ביז מיר וועלן זוכה זיין צו **"יראה אל אלוקים בציון[נא]"**.

יעדער איינער זאל זוכה זיין צו באוויזן ווערן צום אויבערשטן---

---

**מט.** ראה על"ת רי"ז: **וּתְהִלָּה לָאֵל שָׂמַחְנוּ קְצָת בְּפוּרִים וּבְשַׁבָּת שֶׁאַחֲרָיו.** ובמכתבי ר' יצחק בן מוהרנ"ת מכתב י: **וּתְהִלָּה לָאֵל עָבְרוּ יְמֵי הַפּוּרִים בְּשִׂמְחָה. שָׂמַחְנוּ בְּבֵיתִי יַחַד כָּל אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ** וְעוֹד קְצָת אֲנָשִׁים, וְהָיָה עַל הַסְּעֻדָּה מִנְיַן עֲשָׂרָה אֲנָשִׁים.

**נ.** ראה על"ת מכתב ת"כ: מִכְתָּבְךָ קִבַּלְתִּי בְּפוּרִים וְגַם הַיּוֹם. **וּתְהִלָּה לָאֵל עָבְרוּ יְמֵי הַפּוּרִים בְּשִׂמְחָה** [..] וְיִכְתֹּב לִי אִם הָיָה שָׂמֵחַ בְּפוּרִים כָּרָאוּי. **וְאֵיךְ שֶׁהָיָה, צְרִיכִין עַתָּה לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְפַּלֵּל לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁיְּקַבֵּל שִׂמְחָתֵנוּ שֶׁל פּוּרִים עִם כָּל הַמִּצְווֹת שֶׁל פּוּרִים כְּאִלּוּ קִיַּמְנוּם כָּרָאוּי בְּכָל פְּרָטֵיהֶם וְכוּ'.**

**נא.** תהלים פד,ח (וראה בליקו"מ קפ"ה ובליקו"ה נזקי שכנים ג,ח)

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

**דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח**

# ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**אִיהר הָאלְט פַיין שְׁטַארְק מִיט גֶעלְט**
**און מִיט רָצון און מִיט טִרְחָא**

| לתרומות | ירושלים: | בית שמש: |
|---|---|---|
| | הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו | הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו |
| | 05331.93747 | 05341.52325 |